# קאַפּיטל אַכט

1 און ווען ער איז אַראָפּגעשטיגן פֿון באַרג, האָבן
אים נאָכגעפֿאָלגט גרויסע המונים מענטשן.
2 און זע, אַ מצורעדיקער איז געקומען און איז
אַנידערגעפֿאַלן פֿאַר אים, און האָט געזאָגט: האַר,
3 אויבֿ דו ווילסט, קענסטו מיך ריין מאַכן. און ער
האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, און האָט אים
אָנגערירט, אַזוי צו זאָגן: איך וויל; זיי גערייניקט!
און גלייך איז ער ריין געוואָרן פֿון זיין צרעת.
4 און ישוע זאָגט צו אים: היט דיך, אַז דו זאָלסט עס
קיינעם נישט אויסזאָגן; נאָר גיי, ווייז דיך צום כהן,
און זיי מקריבֿ דאָס קרבן, וואָס משה האָט געבאָטן,
פֿאַר אַן עדות צו זיי!
5 און ווי ער איז אַריינגעקומען קיין כפר נחום, איז
געקומען צו אים אַן אָפֿיציר, און האָט אים געבעטן,
6 און געזאָגט: האַר, מיין משרת ליגט פּאַראַליזירט
7 אין הויז, און האָט שרעקלעכע יסורים. און ער
8 זאָגט צו אים: איך וועל קומען און אים היילן. דער
אָפֿיציר אָבער האָט ענטפֿערנדיק געזאָגט: האַר, איך
בין נישט ווערט, אַז דו זאָלסט אַריינקומען אונטער
מיין דאַך, נאָר זאָג בלויז אַ וואָרט, און מיין משרת
9 וועט געהיילט ווערן. וואָרום אויך איך בין אַ
מענטש, וואָס שטייט אונטער דער ממשלה, האָבנדיק
אונטער מיר זעלנער, און איך זאָג צו דעם: גיי!
און ער גייט; און צו אַן אַנדערן: קום אַהער! און
ער קומט; און צו מיין קנעכט: טו דאָס! און ער טוט
10 עס. און ווי ישוע האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך
געוואונדערט, און האָט געזאָגט צו די, וואָס האָבן
נאָכגעפֿאָלגט: באמת זאָג איך אייך, ביי קיינעם אין